# מתוך דרשת התעוררות קודם כל נדרי תשי״ז
## שהשמיע כ״ק מרן רביה״ק מסאטמאר זי״ע

### קושיות ודיוקים

כתיב בתורה הקדושה: **כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם לִפְנֵי ה׳ תִּטְהָרוּ.**

**קושיא א**

א) לכאורה צריך ביאור כפל הלשון, דמאחר שמתחיל כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם, למה אמר עוד הפעם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם, והלא הכוונה היינו הך, דביום הזה מתכפרים החטאים.

**קושיא ב**

ב) גם צריך ביאור אומרו לִפְנֵי ה׳ תִּטְהָרוּ שהוא מיותר, דהלא מובן מאליו שהטהרה הוא לפני הבורא יתברך, דלפני מי מיטהרין אם לא לפניו יתברך.

### דברי התעוררות

מורי ורבותי! אנו צריכין להתבונן [מען דאַרף זיך באַרעכענען] במה שיש לפנינו עתה, שאנו נכנסין ביום קדוש כזה.

דהנה הבורא כל עולמים נתן לנו זמן, שנוכל לשוב לפניו בכל חודש אלול ובעשרת ימי תשובה, וברחמיו וחסדיו יתברך שמו היטיב לנו ונתן לנו זמנים אלו כדי שנוכל להתבונן במעשינו.

אמנם בעוונותינו הרבים, נתבונן נא כעת, במה הִכַּנְנוּ [וואָס האָט מען זיך פאָרגעזעצן] הרי כבר אנו נכנסין ביום הקדוש הזה?!

הלא כל יהודי צריך שיהיה לו חשבון הנפש, דהרי כל אחד יודע שבסופו יצטרך ליתן דין וחשבון על כל מעשיו.

וכעת שנכנסין ביום הגדול והנורא כזאת, כל יהודי נשבר לבו, וצריך לתקן עצמו.

ובכל שנה ושנה בעת שנכנסים לימים הקדושים חושב כל אחד אשר בשנה הזאת בוודאי יעשה תשובה ויראה לתקן את מעשיו ויפעול איזה דבר, ומקבל על עצמו שלא יפגום עוד, ובכל שנה מְקַוִּים שבשנה הזאת כבר נפעול אצל השי״ת שישלח לנו את הישועה.

**[ס׳איז דאָך שוין די העכסטע צייט אידן זאָלן שוין געהאָלפן ווערן, אוי וויי!**

**מורי ורבותי! אַלע עולמות העליונים, שטייען און וואַרטן אויף דעם! אַלע מלאכי מעלה וואַרטן אויף דעם!**

**אַז ווען אידן קומען זיך צוזאַם אין די בתי כנסיות ובתי מדרשות מתפלל צו זיין, אַז מ׳זאָל שוין עפּעס אויפטון].**

מורי ורבותי! כל העולמות העליונים, וכל המלאכי מעלה עומדים ומצפים ומחכים שבשעה שבני ישראל מתאספין בבתי כנסיות ובבתי מדרשות להתפלל להשי״ת, כבר יזכו לפעול את הישועה. **[אוי וויי! לאָמיר נישט אַרויסגיין בחרפה ובבושה!]**

נחשוב נא בנפשנו, אשר מכל אלו העשרת ימי תשובה לא נשאר לנו רק זה היום האחד בלבד, הוא היום הקדוש הזה.

צריכין אנו להתבונן ולהתחנן לפניו יתברך שמו, מה יהיה התכלית עמנו, לאיזה מצב כבר הגענו. **[מ׳זאָל בעטן השם יתברך, ס׳איז דאָך שוין צייט, געוואַלד און געשריגן וואָס וועט זיין דער תכלית?! אוי וויי וויי מיר האַלטן שוין!]**

נתבונן בעצמינו, האם יש לנו פחות עוונות ופשעים ממה שהיה לנו בשנה העברה?!

וכי מה הִכַּנְנוּ לנפשינו בשנה הזאת?, הלא בתחילת השנה היינו סבורים שבשנה הזאת כבר נהיה במדריגה יותר טוב מבעבר, והיינו מְקַוִּים שנטיב מעשינו תמיד יותר ויותר, אמנם בעונינו הרבים אדרבה יָרֹד יָרַדְנוּ עוד יותר וכבר נתגשמנו כל כך שאף אין אנו יודעים ומשיגים כלל לאיזה מצב שפל הגענו.

**והדבר הראשון אשר עלינו לעשות:**

**כי צריכים לבקש מהשם יתברך שישפיע בלבבינו, שנזכה לידע מה זה תשובה.** כי בעונינו הרבים כבר ירדנו כל כך, עד שאין אנו יודעים מה זאת תשובה.

והנה אין צורך לפרוט עוונות, כי הלא כל אחד יודע בנפשו מה שפגם לפני הבורא כל עולמים, במחשבה בדיבור ובמעשה, וכל אחד צריך להתבונן איך היה נשמר במחשבותיו ובדיבוריו ובמעשיו.

ובמיוחד הלא ידוע ואין צריך לפרט ענין החטא הידוע רחמנא ליצלן, כי בעוונינו הרבים כמה מר הוא המצב בענין זה בכל מקומות שבני ישראל פזורים שם בארבע כנפות הארץ, כמה גדלו פירצות הדור בענין זה, וכשיוצאין החוצה אל הרחוב אפילו בשעה שהולכין להתפלל בבית המדרש צריכין לסייעתא דשמיא מרובה בכל פסיעה ופסיעה שלא יגיעו אל בית המדרש כשהוא בעל חוטא יותר גדול ממה שהיה בביתו.

**מורי ורבותי! היום הוא הזמן לתקן חטא זה!** [לאָמיר זיך באַרעכענען היינט איז די צייט מ׳זאָל דאָס פאַרעכטן!].

הלא ידוע מה שצדיקים היו אומרים דבשעה שיהודים מתאספין בבתי כנסיות ובבתי מדרשות, ובפרט ביום הקדוש הזה, אזי מתקבצין כל הניצוצים הקדושים, והמה מתחננים ומבקשים עצמן, אנא תעלו אותנו! [זייטס אונז מעלה!]

נראה נא לרחם על הניצוצים הקדושים הללו ולא ניחם בחרפה ובבושה!

ובמה יכולים להעלותן? רק בדמעות שנוריד לפני הבורא כל עולמים **[נאָר מיט אידישע טרערן פאַר׳ן באַשעפער!]**.

על כן נראה נא שלא לחוס על דמעות עינינו **[לאָמיר נישט שוינען קיין טרערן!]**.

והשם יתברך ירחם, שמהיום ולהלאה נזכה לשמור את מחשבותינו, ולשמור את עינינו, ולשמור את הדיבורים.

והרי ידוע דמכל עוון שעושה האדם נברא מלאך המקטרג עליו, וכמאמר המשנה באבות (פ״ד מי״א) העובר עבירה אחת קונה לו קטיגור אחד, דעל ידי העבירה בורא האדם לעצמו קטיגור הלוחם עמו.

מורי ורבותי! עד שאין מעבירין אותם מן העולם, הלא הם לוחמים עמנו מלחמה כבידה, [ביז מ׳ווישט זיי נישט אָפּ זענען די אַלע לוחם מיט אונז אַ שווערע מלחמה].

השי״ת ירחם שנזכה להעבירם מן העולם, שלא יהיה להם חס ושלום נצחון עלינו, נראה ליצא בנצחון עליהם.

**הקדמה לביאור קושיא א-ב**

והנה מצינו דכל חילוקי הכפרה הנזכרים במשנה, ובתוכם גם יום הכיפורים, אינם מכפרין אלא בצירוף עם התשובה כדקיימא לן ביומא (דף פ״ה, ובשו״ע או״ח סו״ס תר״ז).

אמנם לכאורה הרי לא יתכן לעשות תשובה רק על אותן החטאים שזוכרין ויודעין מהם, וּמְפָרְטִים אותן ומתוודים עליהם, ומקבלין על עצמן שלא לחטוא עוד בהנה, דזהו התשובה עליהם, אבל אם כבר שכח ואינו מרגיש בעצמו שחטא, או אם כבר נתגשם כל כך, עד שאינו מרגיש וכבר אין לו אף השגה מה נקרא עבירה, אם כן הרי אינו יודע על מה לשוב ואיך יצוייר שיעשה תשובה על זה?.

אמנם אם הבורא כל עולמים עוזר ועושין תשובה על כל פנים על אותן החטאים הידועים אליו והקב״ה מכפר עליהם, אזי מקבלין רוח טהרה ממרום ומתחילין להרגיש כל מה שחטא עד הֵנָּה, כי עד הנה היה מגושם ולא היה מרגיש בחטאיו, אבל בשעה שעושין תשובה על מה שידוע לו ועשה עליו תשובה, אז הבורא כל עולמים מגדיל עוד מדת טובו עלינו ומכפר גם על אותן החטאים הנשכחות ממנו ואינם נרגשין אצלו עד שאין יודע מהן רק הבורא כל עולמים לבדו.

**ביאור קושיא ב**

וזה שאמר הכתוב, **כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם**, דעיצומו של יום מסוגל **לְטַהֵר אֶתְכֶם**

KolSatmar.com

**מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם**, ולא תימא שאינו מכפר אלא על אותן החטאים שהאדם זוכרם ועושה עליהם תשובה מה שאין כן על הנשכחות ממנו שאינו שב עליהם אינו מכפר, לזה אמר עוד הפעם **לִפְנֵי ה׳ תִּטְהָרוּ**, דהיינו שתטהרו גם מחטא שאין מכיר בו אלא ה׳.

ועל דרך שדרשו חכז״ל (שבועות ט.) בשעירי הרגלים וראשי חדשים דכתיב לְחַטָּאת לַה׳ (פנחס כח, טו) שבא לכפר על חטא שאין מכיר בו אלא ה׳.

וכן אמר בכאן, לִפְנֵי ה׳ תִּטְהָרוּ, שגם על חטא כזה שכבר נשכח ממנו ואין מכיר בו אלא ה׳, הקב״ה מכפר ברוב רחמיו וחסדיו.

**ביאור קושיא א**

ועל כן אמר הכתוב בכפל הלשון **לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם**, היינו שתטהרו עצמיכם מהחטאים שאתם יודעים וזוכרים ומרגישים שזהו חטא, ומלבד זה **לִפְנֵי ה׳ תִּטְהָרוּ**, דהיינו מחטא שאין מכיר בו אלא ה׳, כי מתחילה צריכין לשוב ולטהר עצמן מאותן החטאים הידועים לו ומרגיש בהם, ואז הבורא כל עולמים מכפר על הכל גם על חטא שאין בו ידיעה אלא לה׳.

**ביאור קושיא ב - אופן ב**

או יאמר **לִפְנֵי ה׳ תִּטְהָרוּ**. על דרך הכתוב (ישעי׳ נט, ב) כִּי אִם עֲוֹנֹתֵיכֶם הָיוּ מַבְדִּלִים בֵּינֵכֶם לְבֵין אֱלֹקֵיכֶם, דעל ידי העוונות נעשין מְסָכִים הַמַּבְדִּילִים בינינו לבין אלקינו ית״ש, והם מעכבים את האדם מקבלת פני השכינה.

דידוע מספרים הקדושים שכל יהודי נברא בתכלית הקדושה בצלם אלקים על פניו, ועל ידי העוונות חס ושלום מעבירין אותו ממנו, ומבואר בזוהר הקדוש (ח״א נז., ריט:, ח״ב קג.) שעל ידי זה אין זוכין לקבל פני השכינה, ה׳ ישמרינו שלא נהיה חלילה מאלו.

ועל כן אמר הכתוב לִפְנֵי ה׳ תִּטְהָרוּ, שנזכה להעביר את המסכים המבדילים בינינו לבינו ית״ש, ונהיה מאותן שזוכין לקבל פני השכינה הקדושה.

## המשך דברי התעוררות

ובעוה״ר אוי נא לנו, שלא רק שאין אנו משתנים לטובה, אלא אנו הולכים ודלים ומשתנים יותר לגריעות, ואנו חיים בתוך ההסתרה המרה בעוה״ר, הלא בני ישראל משתוקקים בגודל צמאון על ישועת השי״ת.

אוי לימינו שכך עלתה להם, ובימים מקדם כשהיו בני ישראל ברום המעלה האם חשבו על זה שנהיה עוד היום בשפלות הזה, ואלמלי ידעו זאת לא היו יכולים לסבול, ואותנו השאירו בתוך החשכות הזה בחושך אפילה, השי״ת יאיר עינינו במהרה.

ובימי הגלות הארוך שעבר על הכלל ישראל היו הרבה זמנים קשים, ובכל הדורות הגידו שצריכין לסבול חבלי משיח, אמנם על צרות מרורות כאלו שהגיעו אלינו לא חשבו מעולם, ורבי יוחנן אמר ייתי ולא אחמיניה (סנהדרין צח:) שלא רצה לראות בחבלי משיח, מי היה יכול להתכונן על צרות כאלו, מי היה יכול לחשוב שיקחו מאתנו מסלתה ומשמנה מישראל, וכבר אין אנו מעט מהרבה אלא נשארנו מעט מן המעט.

האָט מען דען געקלערט אויף אַזעלכע ביטערע גזירות אוי וויי!

ווען האָט מען נאָך געהערט אַזעלכע ביטערע צרות, ווען ס׳איז געווען אַמאָל א גזירת שמד האָט מען געהאַט מסירת נפש.

השי״ת ירחם ויאמר לצרותינו די ויגאלינו בתשועת עולמים.

# אחר הוצאת ספר תורה

(משנת תשכ״ו)

[אחרי שהוציאו הספר תורה אמר רבינו בבכיות:]

**מורי ורבותי! לאָמיר איבערבעטן די ספר תורה!** על כל מה שפגמנו נגדה.

וכי כמה למדנו בשנה הזאת.

**תורה הקדושה מיר האָבן קעגן דיר געזינדיגט!**

**תורה הקדושה זיי אונז מוחל!**

ונבקש מהתורה הקדושה שתלך למעלה ותמליץ טוב בעדינו.

ואף שאין אדם מעיז פניו בפני בעל חובו, ואנו חייבים הרבה להתורה הקדושה על מה שפגמנו בכל אות של התורה הקדושה, אף על פי כן, הרי לולי הכלל ישראל לא היה חשיבות התורה הקדושה ניכר בזה עולם!

ובואו ונחשוב חשבונו של עולם, שאף שהשפלות הוא גדול כל כך בעוונינו הרבים, אָבער דאָס ביסל אידן וואָס זענען נאָך שומרי תורה ומצוות, **זיי פּלאָגן זיך און זיי ווילן מקיים זיין די תורה בכל לב ונפש!**

**ס׳איז נאָך דאָ אידן אין אַלע ד׳ כנפות הארץ וואָס ׳דאָס האַרץ גייט זיי אויס׳ פאַר אַ ׳וואָרט׳ פון די תורה הקדושה!**

ובאם נזכה להישועה בודאי נתקן הכל.

נקבל נא על עצמינו מהיום והלאה ללמוד התורה הקדושה ולעבוד את השי״ת באמת.

**תורה הקדושה גיי רייס איין ביי די שכינה הקדושה, אז ס׳זאָל שוין זיין די גאולה שלימה**, ווייל ווער לערנט דען די תורה אויסער אידן, פועל אויס ס׳זאָל שוין זיין די גאולה שלימה!

אוֹר זָרֻעַ לַצַּדִּיק וּלְיִשְׁרֵי לֵב שִׂמְחָה

פַּלְגֵי מַיִם יָרְדוּ עֵינָי עַל לֹא שָׁמְרוּ תוֹרָתֶךָ

---

מתוך דרשת הושענא רבה תשכ״ח

דער אמת איז, ווי שפּעטער, איז מער עלול צו די ישועה צו דער גאולה. **אפילו אַזאַ תשובה וואָס ס׳האָט פריערינע דורות נישט געקאָנט נוצן, ס׳איז נאָכנישט גענוג געווען, היינט איז גענוג אפילו ווייניגער, נאָר ׳עפּעס׳** מ׳זאָל כאָטש טוהן, לאָמיר נישט אַרויס אינגאַנצן מיט גאָרנישט!

מ׳זאָל אַביסל משים אל הלב זיין, מ׳זאָל בעטן ביים באַשעפער סייעתא דשמיא.

און די גרעסטע הילף וואָס מען דאַרף צו בעטן פון באַשעפער איז: **אַז מ׳זאָל קענען זיין אַ איד פאַר׳ן רצון הבורא ברוך הוא!**

לאָמיר נישט שווייגן אין דעם טאָג, **מ׳וועלמיר שוין נישט האָבן אַזאַ טאָג ביז איבער אַ יאָר, ווייסט השי״ת וואָס אין דעם יאָר וועט זיך טוהן, ווייסט דער אייבירשטער וואָס ס׳הענגט נאָך חלילה אויף אידישע קינדער, קיינער איז נישט זיכער מיט זיך.**

לאָמיר רעדן דאָס ערשטע פון די ענינים המעכבים את הגאולה:

מ׳זאָגט יעדן טאָג אין די קריאת שמע, וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם, די גמרא זאָגט (ברכות יב:) דאָס איז טייטש אַז אַחֲרֵי לְבַבְכֶם זו מינות וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם זו עריות. אין דיביידע זענען גרויסע נסיונות אויף דער וועלט.

קודם דעם ענין פון דער ״אמונה״, בעוה״ר מ׳ווערט אַזוי נתגשם, מ׳ווייסט שוין ניטאַמאָל וואָס הייסט אמונה שלימה אין הקב״ה, מ׳האָט גאָרנישט קיין השגה וואָס מ׳טוט אויף מיט אַ שטיקעלע אמונה אין הקב״ה, מ׳זאָל אמת׳דיג האָבן די אמונה שלימה אין הקב״ה, קיינער קען אונז נישט העלפן נאָר איין באַשעפער, מ׳זאָל מצפה זיין באמת אויף ביאת המשיח.

און ווידער עריות וואָס מ׳היט זיך נישט אָפּ די אויגן, יעדער ווייסט דאָך ביי זיך, יעדער ווייסט דאָך וויאַזוי ער זעט אויס, צי האָט ער שוין פאַרראָכטן די חטאות נעורים.

מורי ורבותי, היצט איז די צייט, [ווען] מ׳קומט זיך צונעזאַם, [לעשות] **תשובת הרבים**.

דער **טאַטע ז״ל** פלעגט צו זאָגן פונעם ציידן [הישמח משה, שאמר] ער זעט עס מיט די אויגן, – אונז זע מיר נישט [אבל מאמינים אַז]:

**די אַלע ניצוצים הקדושים קומען אין בית המדרש אַריין ווען אידן קומען זיך צוזאַם, און בעטן זיך מיט געוויין: זייטס אונז מעלה! לאָזט אונז נישט אין די קליפות מער.**

מיט וואָס קאָן מען דאָס פאַררעכטן? **נאָר מיט אמת׳דיגע טרערן פאַר׳ן באַשעפער.**

מ׳זאָל אויף זיך מקבל זיין פון היצט אָן מ׳זאָל האָבן אָפּגעהיטענע ״מחשבות״ מיט אָפּגעהיטענע ״אויגן״. השם יתברך זאָל העלפן מ׳זאָל מער נישט זינדיגן.

**אין דעם ליגט דערינען דאָס פריצות וואָס מ׳גייט.** מ׳העט געדאַרפט האָבן מסירת נפש פאַר דעם [שלא לילך בבגדי פריצות], דער בעל דבר כאַפּט זיך אַריין.

KolSatmar.com

## ענין קְרָאֻהוּ בִּהְיוֹתוֹ קָרוֹב

(מדרשת הושענא רבה תשכ״ב)

דער פסוק זאָגט (ישעי׳ נה, ו) דִּרְשׁוּ ה׳ בְּהִמָּצְאוֹ, מ׳זאָל פאָרשן דעם באַשעפער ווען ער געפינט זיך, אימתי הוא נמצא בין ראש השנה ליום כיפור (ר״ה יח.), דעמאָלטס איז קְרָאֻהוּ בִּהְיוֹתוֹ קָרוֹב.

### משל למלך

[וכבר ידוע המשל מהמלך שבא לעיר, שאבי מורי היה רגיל לומר ביום הושענא רבה].

און איך וועל צוגעבן צו דעם משל, אויף די היינטיגע זמנים.

דער אמת, ס׳איז געווען אַ טאָג, די קינדער האָבן געזינדיגט פאַר׳ן פאָטער, פאַר אַ מלך אדיר, פאַר אַ גרויסן טאַטן וואָס ער האָט אַלעס אין די הענט, און די קינדער האָבן פוגם געווען.

האָט מען זיי פאַרטריבן אין אַ ווייטע מדינה, צווישן פויערן וואָס זיי ווייסן נישט קיין תכסיסי מלוכה, און זיי האָבן נישט קיין השגה פון דעם איידלקייט וואָס ס׳איז בבית המלך, ממילא אַז זענען פאַרטריבן געוואָרן אויף די מקומות איז מען דאָך אויך נתגשם געוואָרן, זענען זיי נאָך אַרגער געוואָרן.

נאָר ס׳איז אָבער געווען, ס׳איז געווען אַ זמן ידוע ווילאַנג דאָס האָט געדויערט, מ׳האָט געוואוסט אַז דער מלך קומט אין שטאָט אַריין, דאָס האָט אַריינגעגעבן אַ כח און אַ חיות, מ׳האָט געוואוסט דער מלך איז אין שטאָט, ערשטנס נאָך זענען דערוועקט געוואָרן און זענען געגאַנגען, האָט מען געהאָפט מ׳האָט זיך אויסגעבעטן אַז מ׳וועט אַמאָל געהאָלפן ווערן, אַז דער טאַטע דער מלך וועט זיי נאָך צוריק נעמען אַהיים צו זיך.

ס׳איז אָבער לענגער געוואָרן, מ׳איז נתגשם געוואָרן, און דער מלך ווען ער איז געקומען אַהין האָט ער זיך פאַרשטעלט, ער האָט אויסגעזען אַזוי ווי איינער ווי אַ דאָרפסמאַן, מיט אַזאָלעכע לבושים, מ׳האָט אים גאָרנישט דערקענט, אַז זיי האָבן זיך דערזען ס׳קומט דער זמן און דער מלך קומט גאָרנישט, איז זיי געוואָרן זייער ביטער און זויער, מ׳זעט נישט מ׳הערט נישט.

זענען זיי געגאַנגען אַן עצה פרעגן איינעם וואָס זיי האָבן געוואוסט ער קומט אַרויס פון אַ הויז, ער איז ערצויגן געוואָרן, די עלטערן האָבן געוואוסט תכסיסי מלוכה, וואו איז דאָ עפּעס אַן עצה אַז דער מלך זאָל צוריק קומען צו אונז, מ׳זאָל זיך קאָנען בעטן צו אים.

האָט ער געזאָגט, וואָס קאָן איך ענק געבן אַן עצה, איך בין אויך אַ פאַרצווייפלטער גלייך מיט ענק, וואוין איך דאָ די אַלע יאָרן אַזוי פונדערווייטנס, נאָר אַזויפיל קאָן איך ענק זאָגן, דאָס ווייס איך זיכער בין איך מקובל, אַז ס׳איז נישט פאַרהאַנדן [שלא יבוא המלך אצלינו בזמן המיועד], דער מלך איז צווישן ענק, דער הייליגער טאַטע איז צווישן ענק, נאָר ער איז פאַרשטעלט, מ׳ווייסט נישט ווער ער איז, מ׳זעט נישט און מ׳הערט נישט, שרייטס געוואַלד ״הייליגער טאַטע דו ביסט דאָ!״.

### הנמשל על גודל הסתר פנים

דאָס קאָן איך זאָגן פאַר זיכער אַז ער איז דאָ צווישן אונז! נאָר מ׳זעט נישט און מ׳הערט נישט.

אוי נא לנו אַז מ׳האָמיר זיך דערלעבט אַזאַ צייט, אַזאַ ביטערע הסתרה.

זיי פרעגן די קשיא, ס׳שטייט אין פסוק (וילך לא, יז) וְאָמַר [בַּיּוֹם הַהוּא הֲלֹא] עַל כִּי אֵין אֱלֹקַי בְּקִרְבִּי מְצָאוּנִי הָרָעוֹת הָאֵלֶּה, וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי [בַּיּוֹם הַהוּא].

פרעגט מען די קשיא אַז מ׳זאָגט פאַרדעם [מְצָאוּנִי הָרָעוֹת הָאֵלֶּה], אַז מ׳טוט אַנערקענען ווייל אֵין אֱלֹקַי בְּקִרְבִּי [באים הָרָעוֹת], איז דאָך דאָס אַ רעכטע וידוי, טוט מען דאָך אַנערקענען דעם שולד דעם חוב, אַז ווייל דער באַשעפער איז נישט צווישן אונז, נו פאַרוואָס קומט נאָך דער עונש, איז דאָך דאָס אַ תשובה.

נאָר וואָס׳זשע דען זעט אויס דער פשט אַזוי, דער אמת דאָס איז נישט קיין אמת, מ׳קאָן נישט זאָגן אֵין אֱלֹקַי בְּקִרְבִּי, [ווייל] **השם יתברך איז דאָ צווישן אונז!**

נאָר אַז מ׳זאָגט אַזוי איז דאָך חס ושלום אַ יאוש, דאָס איז ביטער ווי אַ גאַל.

מ׳דאַרף צו וויסן אַז ס׳איז נאָר אַ הַסְתֵּר אַסְתִּיר, דער באַשעפער איז דאָ אַזוי ווי אין דורות הראשונים, דער חילוק איז נאָר ער איז פאַרשטעלט.

מורי ורבותי! מ׳קען מיר זאָגן מ׳זעמיר היצט אין אַ שפלות גמור, מ׳האָמיר זיך דערלעבט אַזאַ ביטער דור, אין מי יגדור גדר ומי יעמוד בפרץ.

**פָּנִינוּ לִימִין וְאֵין עוֹזֵר [לִשְׂמֹאל וְאֵין סוֹמֵךְ]** (בסליחות לער״ה), ווי דער זיידע זכרונו לברכה (ייט״פ לר״ה אות יז) פלעגט צו זאָגן לִימִין [הכוונה להתורה הקדושה שנקרא יְמִין, וְאֵין עוֹזֵר, שאין ממי לבקש עזרה מה לעשות ברוחניות], ווידעראום לִשְׂמֹאל [הכוונה על ענינים גשמיים הנקרא בִּשְׂמֹאלָהּ עֹשֶׁר וְכָבוֹד] וְאֵין סוֹמֵךְ.

דער נביא שרייט געוואַלד דִּרְשׁוּ ה׳ בְּהִמָּצְאוֹ, מ׳זאָל פאָרשטן דעם באַשעפער ווען מ׳טרעפט אים, קְרָאֻהוּ בִּהְיוֹתוֹ קָרוֹב, צום סוף ס׳גייען דורך די היילגע טעג און מ׳טרעפט גאָרנישט, וואו איז דער בְּהִמָּצְאוֹ.

וואָס קאָן איך ענק זאָגן?, **אַחַי וְרֵעַי, מ׳זעמיר אַלע אינאיינעם פאַרצווייפלטע מענטשן!**

אוי ווײ, מ׳קוק מיר אַרויס אויף אַ ישועה און מען ווייסט נישט וויאַזוי צוצוקומען, אַזויפיל קאָן איך ענק זאָגן עפּעס אַנדערש ווייס איך גאָרנישט.

**דאָס זאָג איך אייך זיכער, אַן הבטחה גמורה, מ׳זאָל וויסן השם יתברך איז דאָ צווישן אונז! אין דעם בית המדרש!**

לאָמיר זיך בעטן, שרייען געוואַלד:

**הייליגער טאַטע אַנטדעק דיך פאַר אונז! לאָמיר דיך זען!**

מ׳ווייס מיר דעם אמת אַז הקדוש ברוך הוא איז צווישן אונז, נאָר זייער פאַרשטעלט.

די ערשטע בקשה איז דעס:

לאָמיר שרייען געוואַלד ״הייליגער טאַטע ענדעק דיך פאַר אונז״, לאָמיר דיך זען, לאָמיר דאָס שפּירן, ווען דו זאָלסט דיך נישט אַזוי באַהאַלטן פון אונז וועלמיר אודאי תשובה טוהן, וועלמיר זיך אויסבעטן אַלעס גוטס, אַ ישועה פאַר השי״ת, און אַ ישועה פאַר׳ן כלל ישראל.

## ביאור: הִמָּצֵא לָנוּ בְּבַקָּשָׁתֵנוּ

איך פלעג דאָס אייביג טייטשן, מ׳זאָג מיר [בסליחות] הִמָּצֵא לָנוּ בְּבַקָּשָׁתֵנוּ, השם יתברך זאָל זיך טרעפן פאַר אונז ביי אונזער בקשה, שנאמר ס׳שטייט אין פסוק (ואתחנן ד, כט), וּבִקַּשְׁתֶּם מִשָּׁם אֶת ה׳ אֱלֹקֶיךָ וּמָצָאתָ, דו וועסט טרעפן, כִּי תִדְרְשֶׁנּוּ ווען דו וועסט אים פאָרשטן און דו וועסט אים זוכן, **בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ**, מיטן גאַנצן הארץ און מיטן גאַנצן לעבן, מיט מסירת נפש.

לכאורה ס׳איז דאָך מעשה לסתור, מ׳זאָגט הִמָּצֵא לָנוּ כְּמָה שֶׁכָּתוּב, און ברענגט דערויף דעם פסוק, אין דעם פסוק שטייט דאָך זייער אַ שווערער תנאי, אַז נאָר כִּי תִדְרְשֶׁנּוּ ״בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ״.

אונז זעמיר דען ביי דער בחינה?!

וויאַזוי בעט מען זיך הִמָּצֵא לָנוּ אַזוי ווי ס׳שטייט אין פסוק, און מ׳זאָגט אַליין אין פסוק שטייט ״בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ״, אוי ווי ווייט זעמיר פון דעם, ווען מ׳העט כאָטש געהאַט אַ תנועה של אמת של קדושה אין די הערצער, [וכמה רחוקים אנו ממדריגת] בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ?!.

נאָך איז אַ קשיא, ס׳איז ידוע אַ ״מציאה״ קומט בהיסח הדעת, אַז ״ובקשתם״ אַז ״מען זוכט״ איז דאָך נישט קיין מציאה.

אַזוי ווי דער ישמח משה פרעגט אויף יגעת ומצאת און ער זאָגט אַ תירוץ (עיין תפל״מ קי״ט עה״פ שש אנכי), וואָס דען זאָגט מען ״המצא״ לנו עפּעס אַ מציאה.

נאָר דער אמת איז אַזוי, דער פסוק האָט אונז מבטיח געווען אַז מ׳בעט זיך צום באַשעפער, דער אמת האָט מען נישט קיין דעת, מ׳ווייס מיר ניטאַמאָל וואָס ס׳הייסט בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ.

נאָר אַז מ׳בעט זיך צום בורא כל עולמים ער זאָל נתגלה ווערן פאַר אונז אין די ביטערע

KolSatmar.com

הסתרה. די גמרא זאָגט (ירושלמי סנהדרין פ"י ה"ב) אין לך שעה קשה מזה יותר וואָס ס'שטייט (נצבים לא, יח) וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר [פָּנַי].

**נאָר אַז מ'בעט זיך צום באַשעפער, און אַז דער בורא כל עולמים העלפט טרעפט מען אַ מציאה אַז ס'זאָל זיין בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ,** מ'האָט זיך גאָרנישט געוואוסט צו בעטן אויף דעם, ס'דאַרף דאָך נאָר זיין פתחו לי פתח כחודו של מחט ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם (שהש"ר פ"ה ג').

– אוי אוי כחודו של מחט [שנעשה לכל הפחות], אונז קאָן מיר וויסן פון דעם [אם עשינו פתחו של מחט, ווייל] ס'שטייט ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם, מילא אויף אַ חודו של מחט איז מען נישט קיין מבינים, אָבער דאָס זעה מיר אַז קיין פתחו של אולם האָב מיר נישט, די הבטחה איז דאָך געווען אַז מ'טוט כחודו של מחט וועט נאָכקומען פתחו של אולם, האָמיר דאָך אַ ראיה ברורה אַז מ'האָט נישט געעפנט קיין פתח אפילו כחודו של מחט.

אוי וויי געוואַלד !, אַז מ'זאָלמיר עפענען אַ שטיקל פתח, וְגָלְלוּ אֶת הָאֶבֶן מֵעַל פִּי הַבְּאֵר (ויצא כט, ג), אַז מ'איז גולל אֶת הָאֶבֶן למטה איז מען גולל אֶת הָאֶבֶן למעלה. – אַזוי שטייט דאָך אין ישמח משה (לער"ה אות א')

איבערדעם זאָגט מען "הִמָּצֵא" לָנוּ, "וּבִקַּשְׁתֶּם" מִשָּׁם אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ אַז עטץ וועט בעטן דעם באַשעפער, "וּמָצָאתָ" וועסטו טרעפן אַ מציאה אַז דערנאָך וועט זיין כִּי תִדְרְשֶׁנּוּ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ.

**למען השם, לאָמיר נישט איבערלאָזן דעם טאָג !**

דער בורא כל עולמים וואַרט אויף דעם, ווען וועט מען אַרויסגיין פון די הסתרה.

מיטן דרך הטבע, דעס טבעיות, און דעס גשמיות, מיט דער טבע אנושית, מיט דעם שפלות הדור שטייט כחומה, קען מען גאָר נישט מיטן דרך הטבע צוקומען.

נאָר אַז מ'בעט זיך אמת'דיג ביי השי"ת, מ'דאַרף האָבן אויף דעם אַ ישועה.

## עבודת כל יהודי בדור הזה עושה רושם בעבודת כהן גדול ביום הכיפורים

(מתוך דברי רבינו ס"ג ויחי תשט"ו)

דער **תוספות יום טוב** זאָגט [לפרש המשנה (אבות ה, ה) עֲשָׂרָה נִסִּים נַעֲשׂוּ לַאֲבוֹתֵינוּ בְּבֵית הַמִּקְדָּשׁ וגו'] **וְלֹא אִירַע קֶרִי לְכֹהֵן גָּדוֹל בְּיוֹם הַכִּפּוּרִים.** זאָגט ער [להקשות] וואָס איז דאָס אַזאַ רבותא, [עד כדי כך] דאָס איז געווען פון די עֲשָׂרָה נִסִּים אין בית המקדש, ער האָט [דאָך] אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן און אַ גאַנצע נאַכט איז ער אויפגעווען, ער איז דאָך נישט געשלאָפן, [ובאופן כזה] טרעפט זיך אַן אַנדערן אויך נישט ?

זאָגט דער תוספות יום טוב [לתרץ, דלמה הדבר דומה] אַזוי ווי צוויי אירע וואָס זענען לוחם, ווען עס קומט צום סוף אַז 'איינער' זעט אַז 'יענער' וויל זיך מתגבר זיין לייגט ער אויף אים אַלע כוחות.

זאָגט ער, דער יצר הרע און די סטרא אחרא האָבן לוחם געווען מיטן כהן גדול אין יום כיפור, דאָס איז געווען די שטאַרקסטע מלחמה, אַז ער [הכהן גדול] האָט מנצח געווען און אידן האָבן זוכה געווען אינעם הייליגן טאָג [כָּלְתָה אֵלָיו הָרָעָה, ולכן] פאַרלייגט ער זיך מער, איבערדעם איז עס אַלעמאָל אַ נס [שלא אירע טומאה להכהן גדול].

**אַזוי קאָן מען זאָגן היינט אין די אַחֲרִית הַיָּמִים, מ'וואַרט אויף די ישועה, און ס'הענגט אויף אַביסל אידן, פאַרלייגט זיך דער בעל דבר אויף יעדן איד !**

**יעדער איד** האָט היינט [דעם כח, שעבודתו] **מאַכט אַזאַ רושם אַזוי ווי דער כהן גדול אין בית המקדש,** וואָס דעמאָלטס איז געווען אַ גאַנץ דור צדיקים וקדושים עובדי ה', היינט איז דאָ דאָס ביסל אידן, געציילטע אידן, אין אַזאַ שפלות, **מאַכט דער רושם זייער גרויס.**

איבערדעם פאַרלייגט ער זיך, פאַרלייגט זיך דער בעל דבר [אויף יעדן איד], **איבערדעם זענען גרויס די נסיונות.**

**נאָר אַז מ'וויל אמת'דיג דינען דעם באַשעפער,** אמת'דיג בעטן דעם בורא כל עולמים, אמת'דיג זיך אַכטונג געבן, **געשעט נסים פאַר אַ איד אַז מ'ווערט ניצול,** דער אמת איז אַז אַ איד ווערט ניצול איז טאַקע אַ נס לויט ווי מ'פאַרלייגט זיך.

## שערי דמעות לא ננעלו

(מדרשת הושענא רבה תשכ"ז)

כ'האָב דעם זומער געזאָגט פרשת עקב. די גמרא זאָגט (ברכות לב:), **מיום שחרב בית המקדש ננעלו שערי תפלה,** פון ווען דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרן זענען פאַרשלאָסן געוואָרן די שערי תפלה, אלא אף על פי כן שערי דמעות לא ננעלו.

לכאורה פאַרקערט די גמרא זאָגט, (ברכות ו') [לפרש הפסוק] כְּרֻם זֻלּוּת לִבְנֵי אָדָם (תהלים יב, ט), דברים העומדים ברומו של עולם ובני אדם מזלזלים בהם, זאָגט די גמרא זו תפלה.

לכאורה אַלדינגס איז דאָך דברים העומדים ברומו של עולם, **יעדע מצוה שטייט ברומו של עולם,** אז מ'האָט די זכיה עפּעס צו טאָן פאַרן כבוד שמים, אז ס'איז א נקודה שבלב פאַרן אייבירשטענס וועגן, פאַרוואָס דוקא "תפלה" איז עומדים ברומו של עולם, אורייתא בדחילו ורחימו איז פרחת לעילא.

מוז זיין דער פשט איז אַזוי.

לכאורה [אַז] עס שטייט ננעלו "שערי תפלה" פאַרוואָס דען דאַווענט מען ? ! ס'איז דאָך לכאורה בחנם, אפילו ער זאָגט "שערי דמעות לא ננעלו", וואָס טוט מען ווען איינער איז נישט דערביי צו לאָזן דמעות. אפילו יאָ [שמוריד דמעות] אָבער ס'איז נישט קיין אמת'דיגע טרערן, ס'איז נישט מקושר מיטן האַרץ [נחסר הכח].

סתם תפלה איז דאָך א "חיוב", יעדע תפלה איז יעדער מחויב מתפלל צו זיין, דריי מאָל אין טאָג איז א חיוב, לויטן רמב"ם איז עס גאָר א חיוב דאורייתא, אין אַן עת צרה זאָגט דער רמב"ן אויך ס'איז דאורייתא, [ואם כן] אז ס'איז פאַרשלאָסן די שערי תפלה איז עס בחנם ? !

נאָר וואָסזשע דען, דער עיקר איז אז מ'זאָל זען די תפלות זאָלן 'אַרויפגיין', נישט שטיין אויבן, עס קען נישט אַריין גיין ווייל די טויערען זענען פאַרשלאָסן, אַז מ'טרעפט **אָבער א איד וואָס לאָזט אמת'דיגע טרערן, עפענט מען אויף די טויערן, אז די טויערן זענען אָפען גייען שוין אַריין די** [אַלע] **תפלות,** דורך ווען די טויערן עפענען זיך, אָבער ווען ס'איז אָפען איז עס אָפען, דברים העומדים ברומו של עולם, די תפלות שטייען אַלע אויבן און וואַרטן זיי זאָלן קענען אַריינגיין, מ'זאָל עפענען די טויערען.

**לאָמיר נישט שוינען קיין טרערן !**

**ווער ווייסט דען ווער ס'לאָזט אמת'דיגע טרערן ? !**

אַלע אינאיינעם לאָמיר אויפמאַכן די טויערן ! לאָמיר נישט שוינען קיין דמעות !

לאָמיר אויפמאַכן די טויערן פון שערי תפלה ! השי"ת זאָל מקבל זיין אידישע תפלות.

נדבת האשה החשובה מרת **חנה קילא** תחי' **ובניה** שיחיו

לע"נ בעלה ואביהם הרב החסיד מוה"ר **יעקב מתתי'** ב"ר **שמואל דוד** ז"ל (זעליגפעלד) - נלב"ע ז' **טבת תשע"ז** לפ"ק

ולז"נ אבותם מוה"ר ר' **שמואל דוד** בן מוה"ר **יעקב מתתי'** ז"ל - כ"ז אדר תש"ב - וזוג' **פיגל** בת מוה"ר **שרגא פייוויש** ז"ל - כ"ג אלול תש"ב

מוה"ר ר' **חיים** בן מוה"ר **שמואל** ז"ל - ט"ו תמוז תש"ב - וזוג' **שיינדל** בת מוה"ר **שמואל** ז"ל - א' דר"ח תמוז תש"ב

ולז"נ **הינדא** בת מוה"ר **שמואל דוד** ז"ל - ח' אדר תש"ג - **הירש לייב** בן ר' **שמואל דוד** - ח' אדר תש"ג

**גיטל** בת ר' **שמואל דוד**, **מרים** בת ר' **שמואל דוד** - **טויבא** בת ר' **שמואל דוד**, **ישראל** בן ר' **שמואל דוד**, **מאיר** בן ר' **שמואל דוד** - כ"ג אלול תש"ב

שנהרגו עקד"ה בקשונז-פולין הי"ד - **תנצב"ה**